**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/21/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**באמערקונגען ווי צוגעגרייט: גאווערנער האקול דעקט אויף וויכטיגע פונקטן אין פיסקאלע יאר2026 עקזעקיוטיוו בודזשעט: מער געלט אין אייערע קעשענעס**

***גאווערנער'ס אפארדעביליטי אגענדע וועט צוריק אריינלייגן 5 ביליאן דאלאר אין די קעשענעס פון ניו יארקער מיט א שטייער שניט פאר די מיטעלע קלאס, 'אינפלאציע ריפאָנד' און אויסגעברייטערטע טשיילד טעקס קרעדיט***

***גאווערנער שלאגט פאר באלאנסירטע בודזשעט אן קיינע העכערונגען אין אינקאָם טעקס; סטעיט האט 21 ביליאן דאלאר אין רעזערוון 'לכל צרה שלא תבוא'***

***גיבט פריאריטעט פאר די זיכערהייט פון די פובליקום מיט 370 מיליאן דאלאר פאר גאן פארברעכן פארמיידונג, 77 מיליאן דאלאר פאר זעקס-חודשים'דיגע געזעץ אינפארסירונג פארמערונג אויף ניו יארק סיטי סאָבוועיס; נייער געזעץ וועט גלאטער מאכן 'דיסקאָווערי' פראצעדור***

***באנעמט זיך מיט די האוזינג קריזיס מיט ביז 760.5 מיליאן דאלאר פאר האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס, 100 מיליאן דאלאר צו העלפן ערשטמאליגע היים קויפער; גאווערנער פארשפרעכט 1 ביליאן דאלאר פאר ניו יארק סיטי'ס 'City of Yes' איניציאטיוו***

***קאנצענטרירט זיך אויף גייסטישע געזונטהייט קעיר מיט געזעצליכע ענדערונגען ארום האספיטאליזאציע קעגן פאציענט'ס ווילן און "קענדרא'ס געזעץ"; אינוועסטירט 160 מיליאן דאלאר פאר 100 נייע פארענזישע פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן ביי וואָרדס איילענד***

***פאראדנט די גרעסטע קלימאט אינוועסטירונג אין ניו יארק סטעיט'ס היסטאריע: 1 ביליאן דאלאר צו פארשנעלערן אונזער אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע***

***שאפט סקולס פריי פון שטערונגען מיט סטעיט-ברייטע באגרעניצונגען אויף עלעקטראנישע אפאראטן דורכאויס קלאס אין קלאסצימערן פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס; שטעלט צו איבער 13 מיליאן דאלאר פאר סקולס פאר זעקלעך צו האלטן טעלעפאנען, קאָביס אדער אנדערע נויטיגע אינפראסטרוקטור***

***אינוועסטירט 3 ביליאן דאלאר אין 'סעיפטי נעט' שפיטעלער וועלכע באדינען שוואכערע ניו יארקער; שטייער פון מענעדזשד קעיר ארגאניזאציעס וועט אריינברענגען 1.6 ביליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג***

***פולע בודזשעט ביכל פארעפנטליכט דא***

א גוטן נאכמיטאג, יעדער איינער. א דאנק פאר מיינע שותפים אין די בודזשעט פראצעדור. צייטווייליגע פרעזידענט און סענאט מאיאריטעט פירערין Andrea Stewart-Cousins (ענדריע סטוּארט-קאָזינס) און אסעמבלי ספּיקער Carl Heastie (קארל היעסטי).

א דאנק פאר מיינע הויכראנגיגע איינגעשטעלטע וועלכע געפונען זיך דא מיט מיר היינט. סעקרעטארשע Karen Persichilli Keogh (קערען פּערסיקילי קיאָו). בודזשעט דירעקטאר Blake Washington (בלעיק וואשינגטאן). קאונסעל Brian Mahanna (בראַיען מעהענע). דירעקטארין פון סטעיט אפעראציעס Kathryn Garcia (קעטרין גארסיע) און צייטווייליגע פאליסי דירעקטארין Jackie Bray (דזשעקי ברעי).

איך וויל אויך אנערקענען ליוטענאנט גאווערנער Antonio Delgado (אנטאניאָו דעלגאַדאָו). סטעיט קאמפּטראלער Tom DiNapoli (טאם דינאפאלי). ניו יארק סטעיט סענאט דעפּיוטי מאיאריטעט פירער, Michael Gianaris (מייקעל דזשיענעריס). ניו יארק סטעיט אסעמבלי מאיאריטעט פירערין, Crystal Peoples-Stokes (קריסטאל פּיפּלס-סטאָוקס). סענאט פינאנץ פארזיצערין, Liz Krueger (ליז קרוּגער). אסעמבלי שטייערן (Ways and Means) פארזיצער, Gary Pretlow (גערי פּרעטלאו) סענאטאר Rob Ortt (ראַב אָרט), פארטרעטענדיג די סענאט מינאריטעט. אסעמבלי מינאריטעט פירער, Will Barclay (וויל בארקלעי), און אלע מיינע אנדערע שותפים אין רעגירונג.

נעכטן און איבער די סוף וואך האב איך אויפגעטרעטן ביי א רייע פון פייערונגען אין עהרע פון Dr. Martin Luther King (דר. מארטין לוטער קינג) און איך האב ציטירט פון א צאל פון זיינע רעדעס. ער האט געזאגט, "די לעבן'ס מערסט אומאויפהערנדע און דרינגנדע פראגע איז, 'וואס טוסטו פאר אנדערע?'"

איך האב געענטפערט די פראגע איין וואך צוריק פון היינט ווען איך האב פארגעשטעלט מיין ארומנעמיגע חזון פאר ניו יארק. די 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע ביכל האט פארגעלייגט מער פון 200 פאליסיס וועלכע זענען קאנצענטרירט צו בויען זיכערע קאמיוניטיס און העלפן שווער ארבעטנדע ניו יארקער זיך פאראויס רוקן.

ווייל אזוי ווי איך האב געזאגט — "אייער פאמיליע איז מיין קאמף".

היינט וועל איך איבערגיין מיט אייך פונקטליך וויאזוי מיר מאכן די חזון פאר א מציאות אין אונזער פארגשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2026

א בודזשעט איז מער פון בלויז ציפערן אויף א בלאט. עס דערציילט די געשיכטע פון ווער מיר זענען, וואס מיר האלטן טייער און פאר וואס מיר קעמפן. ניו יארק איז א קאמפליצירטע און פארצווייגטע סטעיט. מיר האבן גרויסע רייכטום און גרויסע באדערפענישן.

אונזער אויפגאבע איז צו אויספארעמען אן אטמאספערע וואו הצלחה בליהט בשעת'ן זיכער מאכן אז די וועלכע פילן איבערגעלאזט פון הונטן קענען נאכאלץ זעהן א וועג פאראויס.

דאס איז די באלאנס וואס מיר האבן שווער געארבעט צו עררייכן דורכאויס מיינע ערשטע דריי יאר אלס גאווערנער, ארבעטנדיג מיט די פירער וועלכע זענען דא היינט און מיט מיטגלידער פון די לעגיסלאטור.

לאמיר רעדן איבער די געשיכטע פון ניו יארק'ס ווידער אויפשטייג. דורכאויס די יארן זענען מיר געווארן שטערקער פינאנציעל, מיר זענען איבערגעשטיגן אונזערע ערהוילונג ציהלן און מיר האבן פארשנעלערט וואוקס אין דזשאבס און אין די עקאנאמיע.

מיר האבן רעדוצירט ארבעטסלאזיגקייט, געהעכערט די מינימום געהאלט און באשטימט אז עס זאל וואקסן צוזאמען מיט אינפלאציע. מיר האבן אריינגעגראבן שאוולעך אין די ערד אויף היסטארישע אינפראסטרוקטור פראיעקטן און מיר האבן פארשנעלערט די פארגעשריטענע טעכנאלאגיע דזשאבס פון די צוקונפט מיט AI, סעמי-קאָנדאָקטערס און קוואנטום קאמפיוטינג.

מיר האבן אונטערגעטריבן האוזינג פראדוקציע אריבער די סטעיט נאך יארן פון שטיין פארפרוירן. אונזער אייגענע שטאט באפעלאו איז יעצט די הייסטע האוזינג מארקעט אין דאס לאנד.

מיר האבן געמאכט קאמיוניטיס אין לאנג איילענד מער באפעסטיגט קעגן האריקאנען און שווערע שטורעמעס, מיר האבן באקעמפט ווואלד פייערן אין די קעטסקילס, באקעמפט פארפלייצונגען אין די סאוטערן טיער און זיך באנומען מיט שניי שטורעמעס און טארנאדאס אין מערב און צענטראל ניו יארק.

מיר האבן רעדוצירט פארברעכן און פינאנצירט פאליציי אויף רעקארד-הויכע שטאפלען. מיר האבן בארייכערט אונזערע פארקס, אונזער קונסט און קולטור, און יעצט קומט טוריזם אן צו רעקארד הויכע שטאפלען. און די וויכטיגסטע פון אלעס איז אז מיר האבן ערגרייכט די אלע געוואלדיגע פארשריט אן העכערן אינקאָם טעקסעס.

אבער די אמת איז אז פילע מענטשן זעצן פאר זיך צו מוטשענען. אינפלאציע אריבער דאס לאנד, די וואקסנדע קאסטן ביי די גראסערי געשעפט, רענט אין די הימל. יעדן חודש שטייען ארבעטנדע ניו יארקער אויס שווערע אויסוואהלן וויאזוי צו אויסציהען יעדע דאלאר. און דערפאר איז די בודזשעט אזוי קאנצענטרירט אויף דאס צוריק אריינלייגן געלט אין ניו יארקער'ס קעשענעס.

דאס וועט זיין א 252 ביליאן דאלארדיגע בודזשעט. עס איז פינאנצירט דורך איינקונפטן וואס זענען ארויף מיט נאענט צו אכט פראצענט, און וויכטיג איז אז מיר האבן געהיטן אויף אונזערע רעזערוון מיט היסטארישע סומעס פון מער פון 21 ביליאן דאלאר. מיר אינוועסטירן מער אין ניו יארקער ווייל מיר האבן מער מיטלען פון וואו דאס צו טוהן, און מיר טוהען אזוי מיט אחריות.

איך ווייס אז פילע פון אייך האבן נערוועזערהייט געקוקט אויף די איבערטויש אין וואשינגטאן נעכטן. לאמיר זיין קלאר: טוישן אויף די פעדעראלע שטאפל ווען שאפן נייע שוועריגקייטן פאר די סטעיט און פאר פראגראמען מיט וועלכע ניו יארקער קימערן זיך. עס האט זיך שוין אנגעהויבן. און אויב די רעפובליקאנער אין רעגירונג וועלן שניידן די פלוס פון קריטישע פעדעראלע פינאנצירונג פאר Medicaid, עדזשוקעישען, טשיילד קעיר, יוטיליטי הילף — די ליסטע גייט ווייטער.

די וועלכע ווערן וויי געטוהן דארפן לאזן הערן זייערע שטימעס, לייגן זייער אויפגערעגטקייט אויף וואשינגטאן און שטופן זייערע קאנגרעס מיטגלידער צו קעמפן פאר זיי. ווייל ניו יארק און אנדערע סטעיטס וועלן פשוט נישט קענען אליין טראגן די לאסט פון די קאסטן.

אלזא, קוק איך ארויס צו אונזערע קאנגרעס פארשטייער, ספעציעל רעפובליקאנער, צו פארמיידן שניטן וועלכע וועלן וויי טוהן ניו יארקער. און אויב זיי פאלן דורך דאס צו טוהן, מוזן זיי געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך.

אבער אפילו מיט די וואלקן פון אומזיכערהייט, פארשפרעך איך דאס פאר ניו יארקער — איך וועל טוהן אלעס אין מיינע הענט צו באשיצן אייערע אינטערעסן.

אונזערע בודזשעט פריאריטעטן שפיגלען אפ געגנוי וואס ניו יארקער ערווארטן: שכל'דיגע לייזונגען וואס מאכן באמת אויס אין מענטשן'ס לעבנס. מיר שטעלן אהער דריי גרויסארטיגע פארעמעס פון שטייער פארלייכטערונג.

ערשטנס, קעמף איך פאר א היסטארישע שטייער שניט פאר די מיטעלע קלאס, אן 1 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו ברענגען ראטעס צו די נידעריגסטע שטאפל אין 70 יארן.

דאס מיינט עכטע איינגעשפארטע געלט פאר 8.3 מיליאן ניו יארקער. צווייטנס, האב איך פארגעשלאגן אן איינמאליגע, 3 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו צושטעלן באלדיגע פארלייכטערונג מיט 'אינפלאציע ריפאָנד' (Inflation Refund) טשעקס: 300$ פאר איינציגווייזע מענטשן און 500$ פאר פאמיליעס.

און דריטנס, טריפלען מיר די טשיילד טעקס קרעדיט, אן 825 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וואס וועט צושטעלן ביז אזויפיל ווי 1,000$ פער קינד אונטער פיר יאר אלט. די קרעדיט גייט ארויף צו 500$ פאר קינדער אין שולע עלטער אין 2026.

אבער אונזער שטיצע פאר וואקסנדע פאמיליעס שטעלט זיך נישט אפ מיט שטייער פארלייכטערונג. איך טייל צו נאך 120 מיליאן דאלאר צו צושטעלן אומזיסטע פרישטאג און מיטאג פאר יעדן איינציגסטן שילער אין ניו יארק סטעיט. מיר וועלן איינשפארן פאר פאמיליעס ביז אזויפיל ווי 1,600$ פער קינד יעדעס יאר בשעת'ן זיכער מאכן אז קיין איין שילער בלייבט נישט הונגעריג.

ווען מען נעמט דאס אלעס צוזאם – די טשיילד טעקס קרעדיט פאר אייערע קליינע קינדער, אייער פאמיליע'ס אינפלאציע ריפאָנד, פרישטאג און מיטאג אין שולע און די שטייער שניט פאר די מיטעלע קלאס – לייגט דאס צוריק אריין נאענט צו 5,000$ אין די קעשענעס פון פילע ניו יארקע פאמיליעס. דאס איז וויאזוי צו מאכן אן עכטע חילוק.

יעצט וויל איך אריבערגיין צו אן אנדערע הוצאה וואס וועגט אראפ אויף פאמיליע בודזשעטס: טשיילד קעיר. עס קען איבערשטייגן 21,000$ פער קינד יערליך, אפטמאל מער פון די קאסטן פון האוזינג. דאס אראפטרייבן די קאסטן הויבט זיך אן מיטן אויסברייטען טשיילד קעיר אפציעס פאר פאמיליעס.

דאס איז די סיבה פארוואס איך שלאג פאר 110 מיליאן דאלאר צו בויען נייע טשיילד קעיר איינריכטונגען און רענאווירן עקזיסטירנדע. די אינוועסטירונגען צו שאפן מער קאפאציטעט מוזן געמאכט ווערן יעצט כדי אונז צו נאענטער ברענגען צו אונזער ווייטערע ציהל: אוניווערסאלע טשיילד קעיר.

איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט די לעגיסלאטור, די ביזנעס קאמיוניטי און מיט אונזערע בירגערליכע פירער צו אנהויבן גיסן די יסודות דאס צו מאכן פאר א מציאות. כדי צו האנדלען מיט די וואקסנדע קאסטן, דארפן ניו יארקער נאך א פארעם פון פארלייכטערונג: אראפנעמען די באגרעניצונג אויף די סטעיט און לאקאלע טעקס דידאָקשען.

די באגרעניצונג איז איינגעפירט געווארן די לעצטע מאל וואס רעפובליקאנער האבן געהאט די אויבערהאנט אין וואשינגטאן אין 2017. עס קאסט אפ פאר ניו יארקער ביז אזויפיל ווי 12 ביליאן דאלאר מער אין שטייערן פאר די פעדעראלע רעגירונג יעדע איינציגע יאר.

אלעס צוזאמען איז דאס 72 ביליאן דאלאר ארויסגענומען פון מענטשן'ס קעשענעס אין לויף פון די פארגאנגענע זעקס יאר. און טראץ א צוויי-פארטייאישע ביל וואס וואלט געקענט אדרעסירן די אנגעלעגנהייט, האבן רעפובליקאנער אין קאנגרעס, אריינרעכענענדיג זיבן פון ניו יארק, צוריקגעוויזן צו אונטערנעמען שריט. למעשה ארבעטן זיי קעגן זייערע אייגענע בירגער צו אננעמען א פארוואסערטע

פארשלאג אנשטאט א פולשטענדיגע אנולירונג פון די באגרעניצונג. עס קומט זיך פאר ניו יארקער בעסער פון דעם.

אלס גאווערנער, האב איך דאס צו זאגן: אן א פולשטענדיגע אנולירונג איז נישטא וואס צו רעדן. לאמיר דאס איבערחזר'ן. אן א פולשטענדיגע אנולירונג איז נישטא וואס צו רעדן.

יעצט, לאמיר רעדן איבער נאך אן אנגעלעגנהייט וואס איז פון די הויפט טרייב קרעפטן פון אונזער אפארדעביליטי קריזיס: האוזינג. פאר מיין דור, איז דאס קויפן א היים געווען א טרוים וואס איז מעגליך געווען צו פארווירקליכן. היינט, פאר יונגע פאמיליעס וואס הויבן בלויז אן, פילט זיך דאס ווי א ווייטע חלום. מיר דארפן טוישן די מציאות, און די בודזשעט נעמט אונטער דייטליכע שריט דאס צו טוהן.

מיר מאכן א 1 ביליאן דאלארדיגע סטעיט פארפליכטונג צו ערמעגליכן ניו יארק סיטי'ס אמביציעזע ' City of Yes' פלאן. דאס מיינט 80,000 נייע היימער אין לויף פון די קומענדיגע 15 יאר — היימער וועלכע וואלטן נישט עקזיסטירט אן דעם וואס די סטעיט זאל זיך אהערשטעלן צו העלפן. מיר טיילן אויך צו 100 מיליאן דאלאר פאר ביליגערע ערשטע היימער ('סטאַרטער האָומס') און הילף מיט א דאַון פעימענט פאר ערשטמאליגע היים קויפער.
און מיר נעמען א שטאנד קעגן אויסנוצנדע פריוואטע אינוועסטירונג פירמעס דורכן ארייינשטעלן אן אפשטעלונג פון 75 טעג אויף זייער מעגליכקייט צו ארייינגעבן פרייז פארשלאגן פאר פריוואטע וואוינונג פראפערטיס.

און געדענקט איר די אנרייץ מיטלען וועלכע איך האב פארטיילט לעצטע יאר פאר קאמיוניטיס וועלכע האבן זיך אונטערגענומען צו בויען מער האוזינג? ווייסט איר וואס? מיר שטעלן אהער נאך אפאר. מיר וועלן פארזעצן מיט אונזער פארפליכטונג צו האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס ( Pro-Housing Communities) מיט נאך 650 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אויף וועלכע די רעגירונג האט שיקול הדעת צו באשטימען פאר וועם עס צו געבן. און מיר וועלן צוטיילן נאך 110 מיליאן דאלאר פאר אינפראסטרוקטור פראיעקטן און פלאנירונג אויסגאבן זיי צו העלפן וואקסן.

ווייל אזוי ווי איך האב שוין געזאגט בעפאר, קאסטן וועלן קיינמאל נישט אראפגיין אויב מיר פארמערן נישט די סופליי. דאס איז די סיבה פארוואס מיר מוזן בויען, בויען און בויען נאך אביסל. אבער עס מאכט נישט אויס וויפיל היימער מיר בויען אויב ניו יארקער פילן נישט זיכער וואו זיי וואוינען, ארבעטן און פארן.

פון די רגע וואן איך בין געווארן גאווערנער, האב איך געלייגט די זיכערהייט פון די פובליקום אלס א פריאריטעט. איינע פון די הויפט זאכן אויף וועלכע מיר האבן זיך קאנצענטרירט איז געווען די ניו יארק סיטי סאָבוועיס. מיר האבן שוין צוזאמגעשטעלט טרעניגטע מאנשאפטן פון פראפעסיאנאלן צו העלפן די וועלכע זענען פארכאפט אין יסורים פון גייסטישע קראנקהייט, און מיר האבן מאביליזירט 1,000 נעשענעל גאַרד (National Guard), סטעיט, פאליציי און MTA פאליציי צו באשיצן אונזערע טראנספארטאציע צענטערן. יעצט גיבן מיר פאר די NYPD נאך אפילו מער שטיצע.

מיר גייען אריין אין א שותפות מיט מעיאר Adams (עדעמס) און די NYPD צו ארויפשטעלן אפיצירן אויף יעדע באן איבערנאכט צווישן 9 ביינאכט און 5 פארטאגס. די פאטראלן האבן זיך אנגעהויבן נעכטן ביינאכט. מיר וועלן אויך אינסטאלירן לעכטיגערע סטאנציע באלייכטונג, נאך צוימען אויף די פלאטפארמע און מאדערניזירטע טיקעט ארייגאנג טירן. און מירוועלן אויך צוטיילן נאך 45 מיליאן דאלאר צו פארמערן די נעשענעל גאַרד'ס אנוועזנהייט אין אונזער טראנספארטאציע סיסטעם. מיר וועלן אויך פארשטערקערן אונזערע געזעצן אין באציאונג צו די האספיטאליזאציע קעגן דעם פאציענט'ס ווילן. אונזערע סאָבוועיס קענען נישט זיין רוקעדיגע שעלטערס פאר היימלאזע.

מיר מוזן האבן די מעגליכקייט צו העלפן די וועלכע האבן נישט די מעגליכקייט זיך אליין צו ווענדן פאר הילף, וועלכע זאגן אפ הילף מיט די יסודות'דיגע געברויכן ווי קליידונג, עסנווארג און וואוינונג. דאס איז אן עניין פון ארויסוויזן מענטשליכקייט פאר אנדערע מענטשן וועלכע ליידן פון גייסטישע קראנקהייט וואס שטעלט בוכשטאבליך איין זייערע לעבנס און די לעבנס פון אנדערע אין סכנה.

אין צוגאב צו אונזער קאנצענטראציע אויף ניו יארק סיטי, זעצן מיר אויך פאר מיט אונזער סטעיט-ברייטע צוגאנג צו באקעמפן פארברעכן.

קיין איין גאווערנער אין ניו יארק סטעיט היסטאריע האט נישט אינוועסטירט מער צו אויסראטן די מכה פון גאן פארברעכן אין אונזערע קאמיוניטיס. ציפערן ווייזן אז אונזערע סטראטעגיעס ארבעטן. אין 2024 האבן מיר געהאט די נידעריגסטע שיסערייען ראטע אריבער די סטעיט אויפן רעקארד, מיט מארד פעלער אינדרויסן פון ניו יארק סיטי זייענדיג אויף די נידעריגסטע ראטע זינט 1965 און שיסערייען אראפ מיט 28 פראצענט. אבער מיר ווייסן אז אונזער ארבעט איז נישט פארטיג.

דאס יאר טיילן מיר צו א רעקארד-הויכע סומע פון 370 מיליאן דאלאר פאר אויפגעוויזענע גאן פארברעכן פארמיידונג פראגראמען, צוזאמען מיט 50 מיליאן דאלאר פאר מאדערניזירטע געזעץ אינפארסירונג טעכנאלאגיע און 13 מיליאן דאלאר צו אויפשטעלן א נייע פארברעכן אנאליז און געמיינזאמע ספעציעלע אפעראציעס קאמאנד הויפטקווארטיר ( Crime Analysis and Joint Special Operations Command Headquarters) וואו איבער 100 לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע אגענטורן וועלן מיטיילן אינפארמאציעע און קאארדינירן צווישן זיך אין בשעת מעשה.

און מיר וועלן סוף כל סוף עלימינירן די לעכער אין אונזערע 'דיסקאָווערי' געזעצן וועלכע פארשפעטיגן פראצעסן און פירן צו פעלער ווערנדיג ארויסגעווארפן צוליב מינדערוויכטיגע טעכנישע סיבות.

מיר ווידערהאלן אז האסע האט נישט קיין פלאץ אין אונזער סטעיט, מיט 35 מיליאן דאלאר אין גרענטס פאר סעקיוריטי פארבעסערונגען ביי שולן, מעטשעטן און אנדערע אויסגעשטעלטע פלעצער.

און מיר שטעלן ארויס מער סטעיט טרופערס ביי די צפון גרעניץ, וואו מיר האבן געזעהן א שארפע אויפשטייג אין פענטאניל און וואפן קאנפיסקירונגען. ווייל ווען עס קומט צו באשיצן ניו יארקער, וועלן מיר זיך באנוצן מיט יעדע כלי וואס שטייט אונז צום האנט.

אונזער קאמף פאר ניו יארק'ס צוקונפט מיינט אויך צו שטיין אין שפיץ פון די וועג ווען עס קומט צו קלימאט שריט. די הייי-יאריגע בודזשעט טיילט צו 1 ביליאן דאלאר – אונזער גרעסטע קלימאט אינוועסטירונג אין די היסטאריע – צו פארשנעלערן ניו יארק'ס אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע. די געלטער וועלן שטיצן קריטישע פראיעקטן אין ריינע ענערגיע אויפטרייבונג, שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס און רעדוצירן ענערגיע קאסטן פאר ניו יארקע פאמיליעס. מיר מוזן זיין גרייט זיך צו ספראווען מיט די פראבלעם פון די פעדעראלע רעגירונג צוריקציהענדיג צוזאגן פאר ים און ווינט ענערגיע – א וויכטיגע מקור פון ענערגיע – אין אונזער אריבערגאנג צו באנייבארע ענערגיע מקורות.
דאס אדרעסירן די פראבלעמען יעצט וועט העלפן פארזיכערן א געזונטערע וועלט פאר אונזערע קינדער אין די צוקונפט.

אבער מיר קענען נישט איגנארירן די פאקט אז אונזערע קינדער האבן שוין היינט שוועריגקייטן, אינעווייניג אין זייערע קלאסצימערן. די ציפערן דערציילן א קלארע געשיכטע.

א לעצטיגע Pew פארשונג אנקעטע האט אויפגעדעקט אז 72 פראצענט פון היי סקול לערער אריבער דאס לאנד באריכטן אז סעלפאונס אין די קלאסצימערן זענען א גרויסע שטער פאר זייערע שילער. די

זעלבע שטודיע האט געפונען אז 95 פראצענט פון היי סקול שילער האבן צוטריט צו סמארטפאונס און באקומען אן אלארמירנדע צאל פון 250 'נאָטיפיקעישענס' פער טאג.

אלס די ערשטע מאמע גאווערנער פון ניו יארק, זענען דאס נישט בלויז טרוקענע סטאטיסטיקס פאר מיר. איך ווייס ווי שווער עס איז צו באקומען אייער קינד'ס אויפמערקזאמקייט ווען עס איז דא א סקרין וואס שיינט אין פארנט פון זייער פנים, און איך ווייס ווי שווער עס איז פאר מחנכים וואס לערנען אויס אלדזשעברא אדער געאגראפיע זיך צו פארמעסטן מיט ציהעדיגע טענץ און אדיקטיווע אלגאריטעמס.

דאס איז די סיבה פארוואס איך האב צוזאמגעזעצט זיצונגען אריבער די סטעיט לעצטע יאר צו איבערשמועסן די השפעה פון סמארטפאונס, נישט בלויז אין אונזערע קלאסצימערן נאר אויך אויף די גייסטישע געזונטהייט פון אונזערע קינדער. איך האב זיך דורכגערעדט מיט עלטערן, שילער, מחנכים, שולע מנהלים, לאקאלע פירער און שתדלנים, אזוי ווי מיר האבן געארבעט צו אויפקומען מיט א לייזונג צו די קאמפליצירטע שוועריגקייט וואס סמארטפאונס שטעלן אין שולעס.
אלס רעזולטאט פון די שמועסן, אנאנסיר איך היינט א פארשלאג וואס וועט טראנספארמירן אונזערע קלאסצימערן: א נייע סטעיט-ברייטע פאליסי צו מאכן קלאסצימערן פריי פון שטערונגען כדי אונזערע קינדער זאלן זיך קענען קאנצענטרירן אויף די זאכן וואס מאכן באמת אויס.

ביז די אנהויב פון די קומענדיגע שולע יאר וועט יעדער שילער פארלאנגט ווערן צו אפלאזן זייערע כלים דורכאויס די שולע שעה'ן, פון די ערשטע ביז די לעצטע בעל. דאס מיינט אז דורכאויס קלאס, ביי מיטאג, אין די קארידארן, וועלן אונזערע קינדער סוף כל סוף זיין פריי פון ענדלאזע שטערונגען פון סאָושעל מידיע און אלע גייסטישע געזונטהייט דרוקן וואס קומען צוזאמען מיט דעם.

שולעס וועלן האבן בויגזאמקייט אין די וועג וויאזוי זיי וועלן דאס איינפירן. דיסטריקטס וועלן באשליסן וויאזוי זיי ווילן אוועקלייגן כלים און וויאזוי זיי וועלן זיכער מאכן אז דאס ווערט אויסגעפאלגט. עס וועלן אוודאי זיין אויסנאמען פאר שילער וועלכע דארפן זייערע כלים פאר מעדיצינישע סיבות צו ארויסהעלפן שילער וועלכע רעדן שפראכן חוץ פון ענגליש און וועלכע האבן לערנען דיסאביליטיס.

די סטעיט וועט צושטעלן פינאנציעלע שטיצע פאר די אריבערגאנג. אבער יעדע שולע מוז אוועקשטעלן א פאליסי צו העלפן שילער מצליח זיין אן זייערע טעלעפאנען. אבער דאס איז בלויז די ערשטע טריט. מיר דארפן זיי גיבן זיכערע פלעצער וואו צו שפילן און נאכאמאל זיין קינדער.

אונזער נייע "Unplug and Play" (אויסשאלטערן און שפילן) אינציאטיוו וועט שטופן יונגע מענטשן צו געזונטע אקטיוויטעטן וועלכע נערן יונגע מוחות און קערפערס. מיר וועלן פינאנצירן 100 נייע שפיל ערטער און שאפן מער פון 100,000 נייע אקטיוויטעטן אינדרויסן פון שולע.

און מיר בויען ארויף אויף די געוואלדיגע פאפולעריטעט פון די לעצטע יאריגע 150 מיליאן דאלארדיגע NY SWIMS אינציאטיוו דורכן אינוועסטירן נאך 50 מיליאן דאלאר אין די קאנסטרוקציע פון שווים באסיינען און צו צושטעלן אומזיסטע שווימען קלאסן פאר צענדליגע טויזנטע יונגע ניו יארקער.

עס זענען דא עטליכע אנדערע וויכטיגע עלעמענטן פון די 2026 בודזשעט וואס איך וויל איבערגיין און איבער וועלכע מיין בודזשעט דירעקטאר, Blake Washington (בלעיק וואשינגטאן), וועט אריינגיין אין מער פרטים אין עטליכע מאמענטן.

קודם כל — שולע פינאנצירונג. מיר האבן אן די פראצעדור, אונטערנעמענדיג געציהלטע שריט צו מאדערניזירן די סטעיט'ס פארעלטערטע וועג ('פארמולע') וואס ווערט גענוצט צו אויסרעכענען די סומע פון Foundation Aid. מיר ערזעצן 20-יאר-אלטע ארימקייט מעסטנדע ציפערן מיט יעצטיגע ציפערן פון

די צענזוס כדי צו מער קראנט באשטימען די באדערפעניש פון שילער. דאס וועט זיכער מאכן אז סטעיט דאלארן קומען אן צו די קינדער וועלכע נויטיגן זיך דערין דאס מערסטע. און לאמיר זיין קלאר: איך ווייס אז סיי וועלכע טויש איז שווער.

און נישט קיין חילוק צו עס ארבעט אדער נישט, איז די וועג וויאזוי עס איז יעצט אייביג גרינגער.

דאס איז די סיבה פארוואס עס איז וויכטיג צו וויסן אז די איבערוויגנדע מערהייט פון שולעס וועלן באקומען מער געלט פון וויפיל זיי וואלטן באקומען אן די עטוואסע צופאסונגען צו די פארמולע.

איך וויל באדאנקען Bob Megna (באב מעגנא) און די Rockefeller Institute פארן אונטערנעמען אן איבערבליק און גיבן רעקאמענדאציעס.

יעצט, לאמיר רעדן איבער איינס פון די גרעסטע שפענדונג עלעמענטן פון אונזער בודזשעט — Medicaid. כמעט האלב פון אלע ניו יארקער פארלאזן זיך אויף רעגירונג-פינאנצירטע העלט אינשורענס.

די סטעיט'ס חלק פון Medicaid שפענדונג דאס יאר וועט זיין איבער 35 ביליאן דאלאר.
אין די לאנגע טערמין וועלן מיר דארפן אונטערנעמען שריט צוזאמען מיט די פעדעראלע רעגירונג צו קאנטראלירן די וואוקס וואס קען נישט אנגיין פאר שטייער-באצאלנדע ניו יארקער לויט ווי עס גייט יעצט.

מיר וועלן אונטערנעמען קלוגע שריט צו קאנטראלירן קאסטן בשעת'ן היטן אויף סערוויסעס. מיר האבן פארזיכערט א פעדעראלע באשטעטיגונג פאר א נייע מענעדזשד קעיר שטייער וואס וועט אויפטרייבן 1.6 ביליאן דאלאר יערליך. מיר אינוועסטירן נאענט צו 1 ביליאן דאלאר אין אונזערע 'סעיפטי נעט' שפיטעלער, און מיר זעצן פאר צו פינאנצירן אונזערע שעפערישע סאָושעל קעיר נעטווארקס. מיר וועלן פארזעצן צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער האט צוטריט צו העלטקעיר פון א הויכע קוואליטעט, אפגעזעהן פון זייער זיפ קאוד אדער זייערע אומשטענדן.

עס איז אויך דא נאך א יסודות'דיגע סערוויס וואס מוז בלייבן שטארק — אונזער פובליק טראנספארטאציע נעטווארק. צוויי יאר צוריק זענען מיר געשטאנען פאר א פינאנציעלע קראך ביי די MTA, און ארבעטנדיג מיט די לעגיסלאטור האבן מיר אונטערגענומען שריט. מיר האבן פארזיכערט 400 מיליאן דאלאר אין קאסטן איינשפארנדע אפעראציע טוישן און איבער 1.1 ביליאן דאלאר אין יערליכע פינאנצירונג צו זיכער מאכן אז פובליק טראנספארטאציע בלייבט אפאָרדעבעל, ווירקזאם און פארלעסליך.

יעצט מוזן מיר זיכער מאכן אז די MTA האט די אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג וואס איז נויטיג צו האלטן די סיסטעם אין אפעראציע און צו צושטעלן די נייע און אויסגעברייטערטע סערוויס וואס קומט זיך פאר טעגליכע רייזער. די MTA קומט אויף מיט אן איבערגעארבעטע אינפראסטרוקטורישע פינאנצירונג פלאן צו פארשלאגן פאר מיר און די לעגיסלאטור, און איינמאל מיר ערהאלטן דאס, וועלן מיר באשטימען די בעסטע וועג דאס צו פינאנצירן.

דאס וועט געשליכטעט ווערן בעפאר די ענדע פון די סעסיע.

איך פיל זיכער אז מיר וועלן אהערשטעלן א פלאן וואס שטופט פאראויס קריטישע פראיעקטן בשעת'ן פארלענגערן די Second Avenue סאָבוועי, פארבינדן קווינס און ברוקלין מיט די Interborough Express, נייע מעטראָו-נארט (Metro-North) סטאנציעס אין די בראנקס און שנעלערע סערוויס אין די האדסאן וואלי.

חוץ פון טראנספארטאציע, פארשטערקערן מיר אונזערע ברייטערע אינפראסטרוקטור. בלויז אין די פארגאנגענע יאר האבן מיר פארבעסערט איבער 3,100 בריקן און באררייכערט מער פון 2,300 מיילן פון הייוועי לעינס. און יעצט שלאגן מיר פאר נאך א ביליאן דאלאר פאר אונזער DOT אינפראסטרוקטורישע פלאן, ברענגענדיג די סך הכל צו א היסטארישע 34.1 ביליאן דאלאר. מיר שטופן פאראויס טראנספארמאטיווע פראיעקטן אריבער די סטעיט, ערזעצנדיג די I-81 אין סירעקיוס און שטודירנדיג ענליכע געלעגנהייטן פאר די Cross Bronx Expressway.

דא אין אלבאני, ערזעצן מיר די Livingston Avenue שינעס בריק און מיר ארבעטן איבער די וואסער ברעג לענגאויס די I-787.

און מיר מאכן לאנג-נויטיגע אינוועסטירונגען מיט אונזער ביליאן-דאלארדיגע אויספלאסטערן אונזערע שאסיי לעכער (Pave Our Potholes) פראגראם און שטארקע שטיצע פאר לאקאלע אינפראסטרוקטור צו זיכער מאכן אז יעדע קאמיוניטי האט א שטארקע יסוד.

אלזא — איך האב פארגעלייגט גרויסארטיגע פריאריטעטן פאר די קומענדיגע יאר. אבער עס איז נאך דא פיל מער צו די בודזשעט וואס וועט האבן אן אמת'ע השפעה אויף מענטשן'ס לעבנס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן